# סוגיא דשתי הלחם

אסרו חג שבועות ה'תש"פ לפ"ג

די משנה זאגט אין מסכת מנחות (דף צ"ה:) **אחת שתי הלחם ואחת לחם הפנים**, סיי די שתי הלחם פון שבועות און סיי די לחם הפנים פון יעדען שבת, **לישתן ועריכתן בחוץ**, קנעט מען און מען ווען וועלגערט אין דרויסן פון די עזרה, **ואפייתן בפנים**, אבער מען באקט עס אין די עזרה**, ואינן דוחות את השבת**, און די עבודות פון קנעטן און באקן איז נישט דוחה שבת.

אזוי אויך זאגט די משנה שפעטער (דף ק:), **ואינו דוחה לא את השבת ולא את יום טוב**, אז די עבודות פון קנעטן און באקן די שתי הלחם און די לחם הפנים איז נישט דוחה נישט שבת און נישט יום טוב, ווי די גמרא לערנט ארויס אין מסכת פסחים (דף מז.) אז עס שטייט אין פסוק לגבי יום טוב, **אך אשר יאכל לכל נפש היא לבדו יעשה לכם**, לערנט מען פון דעם ארויס אז מען מעג טוהן מלאכת אוכל נפש נאר **לכם** צו עסן פאר זיך, **ולא לגבוה** נישט קיין זאכן וואס זענען פאר דעם בית המקדש.

פרעגט די גמרא, **הא גופא קשיא**, עס איז א סתירה פון די רישא צו די סיפא, **ואפייתן בפנים**, אויב דער דין פון שתי הלחם און לחם הפנים איז אז מ'באקט עס אינעווייניג אין די עזרה, **אלמא תנור מקדש**, איז דאך געדרינגען פון דעם אז דער אויוון אין וואס מען באקט עס האט א דין פון א כלי שרת און עס איז מקדש די ברויט וואס מען באקט דערין, און נאכדעם שטייט **ואין דוחות את השבת**, אז דאס באקן איז נישט דוחה שבת מוז דאך זיין אז מען האט עס געבאקן ערב שבת און ערב שבועות, אויב אזוי **איפסלא בלינה**, יעדע עסן וואס ווערט נתקדש אין א כלי שרת איז דאך דא א דין פון לינה אויף דעם אז נאך דעם וואס א נאכט גייט דורך נאך דעם נתקדש ווערן ווערט דאס פסול, איז דאך די שתי הלחם און לחם הפנים וואס מען האט געבאקן - און ממילא מקדש געווען - אין דעם אויוון פסול געווארן פאר די עבודה שבועות און שבת צופריה, ווי האט מען געקענט דאס נוצן אין בית המקדש? **אמר רבא**, האט רבא געזאגט אויף די קשיא, **הקשה אדם קשה שהוא קשה כברזל ומנו רב ששת**, די קשיא האט געפרעגט רב ששת וואס ער איז זייער א שארפער חכם.

פירט תוספות אויס, אז אלא מאי מוז מען זאגן, **תברא מי ששנה זו לא שנה זו**, אז די משנה איז צוזאמען געשטעלט פון עטליכע תנאים, עס איז דא תנאים וואס האלטן אז אפייתן בחוץ ווי עס שטייט ווייטער אין די משנה, עס איז אויך דא תנאים וואס האלטן דוחות את יום טוב ווי עס ווערט געברענגט שפעטער פון רבי שמעון בן גמליאל, ממילא די סתם משנה איז באמת צוזאמען געשטעלט פון צוויי אנדערע שיטות, דער וואס זאגט די רישא אז **אפייתן בפנים** האלט טאקע אז עס איז יא דוחה שבת, און דער וואס זאגט די סיפא **ואינן דוחות את השבת**, ער האלט טאקע אפייתן בחוץ.

דער רמב"ם (הלכות תמידין ומוספין פרק ה' הלכה ז' י', און פרק ח הלכה ז'-ח') פסק'ענט אבער סיי ביי שתי הלחם און סיי ביי לחם הפנים אזוי ווי די סתם משנה, אז אפייתן בפנים מען באקט עס אין די עזרה, און דאס באקן איז נישט דוחה שבת און יום טוב. איז דאך שווער ווי אזוי קען דער רמב"ם אזוי פסק'ענען, מען זעהט דאך פון די גמרא אז דאס איז א סתירה מיניה וביה, אויב שתי הלחם ווערט געבאקן אינעווייניג מוז זיין אז עס איז דוחה שבת און יום טוב ווייל אויב נישט וואלט עס פסול געווארן בלינה ביינאכט נאכ'ן באקן.

כדי דאס צו פארענטפערן דארף מען מקדים זיין נאך א קשיא. די משנה זאגט (דף ק.) **סידר את הלחם ואת הבזיכין לאחר השבת**, אויב האט מען ארויף געלייגט אויף דעם שולחן די לחם הפנים און די בזיכי לבונה נאך שבת, נישט ווי דער דין איז אז מען דארף עס ארויפלייגן שבת נאכמיטאג, **והקטיר את הבזיכין בשבת**, און נעקסטען שבת האט מען מקריב געווען די בזיכי לבונה און געוואלט עסן די לחם הפנים, **פסולה** איז די לחם הפנים פסול ווייל עס איז נישט געלייגט געווארן אויף דעם שלחן אין די ריכטיגע צייט, **כיצד יעשה**, נאר וואס דען דארף מען טוהן אויב מען האט ארויפגעלייגט די לחם הפנים אויף דעם שולחן נאך שבת, **יניחנה לשבת הבאה**, מען זאל עס לאזן נאך א גאנצע וואך אויף דעם שולחן אזוי אז די צווייטע שבת הייסט באמת די ערשטע שבת פון די לחם הפנים, וועט מען עס די דריטע שבת קענען אראפנעמען און מקריב זיין די בזיכין און עסן די לחם הפנים. איי מיר ווייסן דאך אז פונקט ווי ביי אלע קרבנות איז דא לינה איין נאכט איז ביי לחם הפנים לינה די אכטע נאכט און אויב מען לאזט עס נאך דעם צווייטן שבת אויף די שולחן ווערט עס פסול, **שאפילו היא על השולחן ימים רבים אין בכך כלום**, אין דעם פאל איז דאס נישט קיין פראבלעם ווייל דאס זיין אסאך טעג אויף דעם שלחן פאר עס ווערט מקודש איז דאך נישט קיין פראבלעם פון לינה, און די שולחן איז נאר מקדש בזמנו ווען עס איז ראוי צו ווערן געלייגט דאס מיינט שבת בייטאג, ממילא ווילאנג עס ליגט נישט שבת בייטאג אויף דעם שולחן איז קיינמאל נישט דא קיין לינה אפילו פון א סאך טעג.

פרעגט די גמרא א קשיא פון די משנה אויף דעם תנא פון אבוה בר אבין וואס ער האט געזאגט, **מנחה שנקמצה בלילה תצא לבית השריפה**, אויב מען האט גענומען א קמיצה פון א מנחה ביינאכט וואס דאס איז דאך נישט קיין זמן הקרבה דארף מען די מנחה פארברענען, און ער האט מסביר געווען פארוואס דארף מען עס פארברענען מען וואלט דאך געקענט צוריק אויסמישן די מעל און נאכאמאל מאכן קמיצה בייטאג, נאר וואס דען, **כלי שרת מקדשין שלא בזמנן**, די כלי שרת זענען מקדש אפילו ווען עס איז נאך נישט די צייט פון הקרבה, ממילא איז דאך דער קומץ וואס מען האט אריינגעלייגט אין א כלי לשם קמיצה נתקדש געווארן און מען טאר עס מער נישט צוריק אויסמישן מיט די שיריים. פרעגט די גמרא אויף דעם תנא א קשיא פון די משנה פון לחם הפנים וואס זאגט קלאר אז **כלי שרת אין מקדשין אלא בזמנן**, און די לחם הפנים ווערט נישט מקודש פון ליגן אויף דעם שולחן שלא בזמנן דאס מיינט אלע טעג פון די וואך אויסער שבת אינדערפריה.

**אמר רבה**, האט רבה פארענטפערט דעם תנא אז ער איז אויך מודה אז כלי שרת אין מקדשין אלא בזמנן, נאר **קסבר לילה אין מחוסר זמן הא ימים מחוסר זמן**, דער תנא האלט אז ווען זאג איך כלי שרת אין מקדשין אלא בזמנן ווען ס'איז אינגאנצן א אנדערע טאג, אזוי ווי ביי לחם הפנים וואס מען האט געלייגט זונטאג אנשטאטס שבת, אבער די נאכט הייסט נישט קיין מחוסר זמן, דאס טייטש ווען עס קומט דער זמן פון א קרבן הייסט שוין א נאכט פארדעם אויך אז די צייט איז אנגעקומען, און אפילו עס איז שוין די צייט איז דא א דין אז עבודה פון ביינאכט איז פסול. ממילא ווען מען נעמט די קמיצה ביינאכט איז עס טאקע פסול אבער עס הייסט נישט קיין מחוסר זמן, קומט אויס אז די כלי אין וואס מען לייגט אריין די קמיצה איז מקדש די קמיצה און מען קען עס מער נישט צוריק אויסמישן. מה שאין כן ביי לחם הפנים וואס מען לייגט עס זונטאג, איז דאס אינגאנצען א אנדערע טאג ווי שבת, איז די שלחן עס אפילו נישט מקדש ווייל כלי שרת אין מקדשין אלא בזמנן.

פרעגט די גמרא **סוף סוף כי מטי ליליא דבי שימשי ליקדוש וליפסול**, אין הכי נמי אז א גאנצע וואך ווערט עס נישט פסול בלינה, אבער לויט אבוה בר אבין איז דאך די נאכט פארדעם שוין זמנו, קומט אויס אז ווען מ'לייגט עס זונטאג, ווערט עס מקודש די נעקסטע פרייטאג צו נאכטס, און נאכדעם איז דאך דא א דין לינה אויף לחם הפנים נאך אכט נעכט, וואס אין אזא פאל קומט אויס אז די דריטע וואך שבת צופריה איז עס שוין פסול בלינה און מען קען עס מער נישט מקריב זיין און עסן. **אמר רבא**, האט רבא פארענטפערט אז אין הכי נמי, **בשקדם וסילק**, די משנה וואס זאגט אז מען זאל עס איבערלאזן אויף נעקסטען שבת מיינט טאקע צו זאגן אז פרייטאג פארנאכטס פאר בין השמשות זאל מען עס אראפנעמען פון דעם שולחן, און צוריקלייגט שבת אינדערפריה, אזוי וועט עס נישט נפסל ווערן בלינה.

לכאורה איז שווער א גרויסע קשיא. וואס האט רבא פארענטפערט ווען ער האט געזאגט בשקדם וסילק אז מען האט אראפגענומען איבערנאכט די לחם הפנים פון דעם שולחן אז עס זאל נישט ווערן נתקדש די צווייטע פרייטאג צו נאכטס אויף דעם שולחן. לכאורה דער זעלבער רבא האט דאך געזאגט אויבן דף צ"ה אז לויט די סתם משנה אז אפייתן בפנים האט עס די תנור מקדש געווען און עס ווערט פסול בלינה נאך דעם, און אין הכי נמי אז ווילאנג עס ליגט אויף דעם שולחן וועט נישט זיין קיין פסול לינה מצד דעם תנור, ווייל דער שולחן איז אזוי ווי די מזבח וואס עס איז נישט דא קיין לינה אויף דעם, און דאס העלפט סיי אויף די לינה פון דעם קידוש דורך דעם תנור, און סיי אויף די לינה דורך דעם קידוש פון דעם שולחן אליינס ביז אכט נעכט, אבער איינמאל מען נעמט עס אראפ אויף א גאנצע נאכט פון דעם שלחן, אין הכי נמי אז דאס העלפט אז עס זאל נישט ווערן נפסל בלינה נעקסטע וואך פרייטאג צו נאכטס אלס דעם קידוש פון דעם שולחן, אבער לכאורה וואלט עס שוין געדארף ווערן נפסל בלינה נאך דעם פרייטאג צו נאכטס אלס דעם קידוש פון דעם תנור וויבאלד עס איז א גאנצע נאכט נישט אויף דעם שולחן דארף דער קידוש פון דעם תנור דאס שוין פסל'ן בלינה.

קען מען ענטפערן אויף דעם, ווייל דער לחם משנה זאגט אין הלכות קרבן חגיגה (פרק ב' הלכה י"ג) **לא אסרה תורה אלא לינה שלא לצורך מצוה, אבל לינה לצורך מצוה אחרת לאו לינה היא**, אז ווען

זאגט די תורה א דין פון לינה דווקא ווען מען טוהט עס סתם אזוי, אבער ווען עס איז דא א סיבה פון א צורך מצוה אפילו א אנדערע מצוה, איז נישט דא ביי דעם קיין איסור לינה.

ממילא קען זיין אז דאס איז דער פשט ביי די לחם הפנים וואס ליגט א גאנצע וואך אויף דעם שולחן און מען איז קידם וסילק און מען נעמט עס אראפ פון דעם שולחן תיכף פאר בין השמשות, יעצט בין השמשות טאר מען דאך שוין נישט באקן קיין נייע לחם הפנים, און שבת צופריה א וודאי נישט אויב אינן דוחות את השבת, קומט אויס אז די איינציגסטע וועג מקיים צו זיין די מצוה פון לחם הפנים איז נאר מיט די ברויט וואס ליגט דא, און אויב וועט מען עס לאזן אויף דעם שלחן וועט עס ווייטער ווערן פסול בלינה נעקסטען פרייטאג צו נאכטס, ממילא צו קענען מקיים זיין די מצוה פון מקריב זיין די בזיכין און עסן די לחם הפנים איז נאר מעגליך אויב מען נעמט עס אראפ איבער נאכט. איז דאך די לינה פון פרייטאג צו נאכטס א לינה לצורך מצוה, ממילא ווערט עס נישט נפסל בלינה דורך דעם קידוש פון דעם אויוון פון א וואך פריער.

אויב אזוי קען מען זייער גוט פארענטפערן פארוואס דער רמב"ם פסק'ענט סיי אפייתן בפנים און סיי אינן דוחות את השבת. ווייל באמת, כאטש די גמרא האט געזאגט אז אפייתן בפנים איז א סתירה מיט אינן דוחות את השבת, האט אבער די גמרא נישט אויסגעפירט בשלימות אז אויב אינן דוחות את השבת מוז זיין אפייתן בחוץ, ווייל באמת סיי אויב עס איז אפייתן בפנים און סיי אויב עס אפייתן בחוץ איז דאס נישט דוחה שבת.

ווייל מען האט דאך דערמאנט אז שתי הלחם און לחם הפנים איז נישט דוחה יום טוב ווייל עס שטייט לכם ולא לגבוה, איז דאך שווער, ממילא די לחם הפנים וואס מען עסט נישט יעצט נאר נעקסטע וואך טאר מען נישט יעצט באקן אפילו יום טוב, אבער די שתי הלחם ווערט דאך געגעסן בו ביום דורך די כהנים פארוואס הייסט עס נישט לכם. מוז מען זאגן ווייל יעצט בשעת אפייה איז דאס שוין הקדש איז דאס נישט ראוי לכם, און עס וועט נאר זיין ראוי לכם ווען מען וועט זוכה זיין דערפון משולחן גבוה.

אויב אזוי קומט אויס אז ממה נפשך איז שתי הלחם נישט דוחה שבת און יום טוב. אויב איז עס אפייתן בחוץ איז דאך דאס נישט קיין עבודה פון בית המקדש קען דאס נישט דוחה זיין שבת, און אויב עס איז אפייתן בפנים איז עס דאך תיכף הקדש איז דאך דא אן איסור לכם ולא לגבוה אז אפילו יום טוב טאר מען נישט טוהן קיין מלאכה דערפאר און כל שכן שבת.

אויב אזוי איז דאך דער איינציגסטער וועג מקיים צו זיין די מצוה נאר דווקא דורך באקן פאר יום טוב און שבת. איז דאך אויף דעם חל דער כלל פון לחם משנה אז לינה לצורך מצוה הייסט נישט קיין לינה. אויב אזוי אפילו אויב תנור מקדש קען איך נאך אלס זאגן אז אינן דוחות שבת, עס איז נישט דוחה שבת און אף על פי כן איז נישט דא דערויף קיין לינה ווייל מען איז עס מלין לצורך מצוה.